ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער
„פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג
אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

www.yiddish.forward.com/vayter    זעקסטער יאָרגאַנג ✦ תשע״א – 2011 ✦ נומער 2 (46)

# צווישן צוויי וועלטן

פֿון עדי מהלאל

ניט לאַנג צוריק איז דערמאָרדעט געוואָרן דער אַקטיאָר, קינאָ־רעזשיסאָר און גרינדער פֿון דעם „פֿרײַהייט־טעאַטער“ אין דזשענין, דזשוליאַנאָ מער־כאַמיס.

מען רעכנט, אַז די מערדער זײַנען מוסולמענישע פֿאַנאַ־טיקער, וואָס זײַנען געווען קעגן אַן אינסטיטוציע, ווו מענער און פֿרויען שפּילן צוזאַמען אויף דער בינע. דערצו האָט די פֿאַנאַטיקער געשטערט, אַז מער־כאַמיס איז אויך אַ ייִד: זײַן מאַמע איז געווען אַ ייִדישע פֿרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכן אַראַבער, אַ קאָמוניסט פֿון חיפֿה.

חיפֿה איז אויך מײַן היימשטאָט. אין חיפֿה פֿלעגן די ייִדן און אַראַבער גאַנץ גוט וווינען צוזאַמען, ווי מײַן זיידע עליור־השלום, אַ באַקאַנטער לערער פֿון אַראַביש, פֿלעגט מיר דערציילן.

אין יאָר 2004 האָט מער־כאַמיס געמאַכט דעם פֿילם „אַרנעס קינדער“ וועגן זײַן מאַמען און איר אַרבעט מיט דעם יונגוואַרג אין דזשענינער פּליטים־לאַגער. נאָך איר טויט און נאָך דעם גרויסן דערפֿאָלג פֿונעם פֿילם, האָט דזשו־ליאַנאָ באַשלאָסן ממשיך צו זײַן איר וויכטיקן פּראָיעקט און געגרינדעט דעם דזשענינער „פֿרײַהייט־טעאַטער“. זײַן הייליקע מיסיע איז געבן די פּאַלעסטינער קינדער אינעם פּליטים־לאַגער די מעגלעכקייט זיך אויסצודריקן דורך קונסט און ניט דורך געוואַלד – אי קעגן די רעפּרעסיווע מיטלען פֿון דער ישׂראלדיקער אָקופּאַציע, אי קעגן דער אונטערדריקונג פֿון די פֿרויען אין דער פּאַלעסטינער געזעלשאַפֿט – איז אויך ניט זייער געפֿעלן געווען אין ישׂראל גופֿא. קיינער האָט דאָך ניט ליב קריטיק קעגן זיך אַליין.

מער־כאַמיס האָט זיך באַרימט געמאַכט, צום אַלעם ערשטן, ווי אַן אויסגעצייכנטער אַקטיאָר, ווי דער הויפּט־שטערן פֿון דעם חיפֿהער טעאַטער. איך אַליין האָב אים געזען שפּילן אין כלערליי פֿאָרשטעלונגען, ווי למשל, אין שעקספּירס „דער משרת פֿון צוויי בעלי־בתּים“, „אָטעלאָ“ און אַנדערע. ער פֿלעגט שפּילן די ראָלעס פֿון כאַריזמאַטישע, עקשנותדיקע און שטאַרקע העלדן; אַזעלכע עקסטרעמע פֿאַרשוינען, וואָס געפֿינען זיך שטענדיק אין אַ לימינאַלישן מצבֿ צווישן זעלטענער גאָונישקייט און פֿולער צעדרייטקייט. זײַענדיק אַליין אַזאַ טיפּ, האָט מער־כאַמיס געהאַט אַ שם פֿון אַן אומגעדולדיקן און אומקאָמפּראָמיסלאָזן טאַלאַנט, וואָס מאַכט פֿאַר קיינעם ניט דאָס לעבן גרינגער.



דער „פֿרײַהייט־טעאַטער“ שטעלט פֿאָר „עליס אין וווּנדערלאַנד“.
מער־כאַמיס שטייט אין מיטן

די לעצטע פֿאָרשטעלונג פֿון דעם „פֿרײַהייט־טעאַטער“ איז געווען „עליס אין וווּנדער־לאַנד“, אַ פּיעסע וואָס סימ־באָליזירט, צום מערסטנס, דאָס שטענדיקע זוכעניש פֿון נײַע האָריזאָנטן און די אומדערוואַרטע ברודערשאַפֿט צווישן גאָר פֿאַרשיידענע טיפּן. אָט די צוויי וויכטיקע עלעמענטן האָט מער־כאַמיס באַוויזן, צו שענקען דעם עולם און דער באַפֿעלקערונג אין דעם פּליטים־לאַגער.

דאָס זוכעניש פֿון נײַע האָריזאָנטן האָט זיך אויסגעדריקט, צום בולטסטן, אין זײַן כסדרדיקן פּרוּוו אָפּצוווענדן די יוגנט פֿונעם לאַגער, וועלכער באַנוצט פֿאַר זײַנע ציִלן געוואַלד־מיט־לען, און זיי אַרויפֿפֿירן אויף אַ קולטורעלן און אומגעוואַלדיקן וועג. אַדער, ווי מע רופֿט עס דאָרטן, די „ווײַסע אינטיפֿאַדע“.

דער „פֿרײַהייט־טעאַטער“ האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל אָנהענגער – ייִדן און ניט־ייִדן פֿון איבער דער גאָרער וועלט, וואָס האָבן געגלייבט און געשטיצט דעם טעאַטער, ישׂראלים בתוכם. שטיצנדיק אַזאַ מין וועלטלעך־מאָדערנע אינסטיטוציע, האָבן די דאָזיקע מענטשן דורויסן אַ סך געהאָלפֿן צו פֿאַרשטאַרקן די וועלטלעכע מעסיקע שיכטן אין דער פּאַלעסטינער געזעלשאַפֿט.

מער־כאַמיס וועט שטאַרק אויספֿעלן אי די ישׂראלדיקע, אי די פּאַלעסטינער ליבהאָבער פֿון קולטור.

# ייִדישע מאָזאַיִק



## אַ מעשׂה אַרום אַ נײַ ייִדיש זינגליד

מיט דרײַ יאָר צוריק, אין אַפּריל 2008, האָט מען אין יאַפּאַן אַרעס־טירט דרײַ סאַטמאַרער חסידים פֿון ישׂראל. די יונגע ישיבֿה־בחורים האָט מען פֿאַרהאַלטן אין עראָפּאָרט, ווײַל זיי האָבן געפֿירט וואַליזעס מיט „עק־סטאַזי"־פּילן אויף עטלעכע מיליאָן דאָלאַר. די יונגע לײַט האָבן פֿון סאַמע אָנהייב געטענהט, אַז זיי האָבן קיין אָנונג ניט געהאַט וועגן די נאַרקאָטיק אין זייער באַגאַזש. מיט אַנדערע ווער־טער, זיי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ניט ווי פֿאַרברעכער, נאָר ווי טיפּשים. דער „גוטער פֿרײַנד", וועלכער האָט זיי אַזוי אונטערגעשטעלט, איז אַרעסטירט גע־וואָרן אין ישׂראל.

אין יאַפּאַן האָט מען די אַרעסטירטע ייִדן פֿון דעסטוועגן באַשולדיקט ווי שמוגלער פֿון נאַרקאָטיקן. דער ייִנגע־רער פֿון זיי, יוסף באַנדאַ, האָט באַקו־מען פֿינף יאָר תּפֿיסה. שפּעטער האָט מען אים אַריבערגעפֿירט קיין ישׂראל, ער זאָל דאָרטן אָפּזיצן זײַנע תּפֿיסה־יאָרן. אָבער הײַיאָר איז באַנדאַ אַרויס אויף דער פֿרײַ – אַזאַ באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אין ישׂראל, כאָטש מע האַלט, אַז דאָס קען מאַכן ערגער דעם מצבֿ פֿון די צוויי אַנדערע חסי־דים, וועלכע בלײַבן נאָך אַלץ אין די יאַפּאַנישע תּפֿיסות.

אַזאַ זאַך קומט פֿאָר ניט צום ערשטן מאָל. אין 1999 האָט מען אַרעסטירט עטלעכע יונגע חסידים, וועלכע האָבן טראַנספּאָרטירט „עקסטאַזי", וואָס מע האָט אויסגעאַרבעט אין אַמסטערדאַם. די דרײַ אַרעסטירטע אין יאַפּאַן זײַנען אַהין אויך געפֿאָרן דורך אַמסטערדאַם, ווו מע האָט זיי געגעבן די וואַליזעס.

דערווײַל האָט די גאַנצע געשיכטע אויפֿגערודערט די חסידישע וועלט. אייניקע קאָמפּמענטשן, מישטיינס געזאָגט, האָבן זיך אַפֿילו דערטראַכט ביז פֿאַר־טײַטשן די אַנומלטיקע ערדציטערניש, און אויך די צונאַמי, ווי גאָטס שטראָף פֿאַר פֿאַרמישפּטן די יונגע חסידים.

קליגער האָט זיך אָפּגערופֿן די שאַ־פּערישע חרדישע סבֿיבֿה. מע האָט גע־שאַפֿן אַ ליד מיט ווערטער:

טאַטע, טאַטע!<br>
ברענג אַהיים די ווײַטע!<br>
כּלל־ישׂראל וועט נישט שווײַגן<br>
ווי לאַנג עס וועט זיך צום גוטס בייגן.

## אַ פֿרישער נומער „אויפֿן שוועל"




דער ווינטער־פֿרילינג־נומער פֿון דעם זשורנאַל „אויפֿן שוועל", וואָס גייט אַרויס אין ניו־יאָרק זינט 1941, איז געווידמעט, דער עיקר, שלום־עליכמען. דער נומער איז זייער אַ געראָטענער – און אַן אַנטפּלעקנדיקער, אין פֿאַר־שיידענע זינען פֿון וואָרט. למשל, שבֿע צוקער, די רעדאַקטאָרין פֿונעם זשורנאַל, שרײַבט וועגן דעם מצבֿ, צו וועלכן מע איז דערגאַנגען אין אַמעריקע אין שײַכות מיט קענען (פּינקטלעכער – ניט קענען) די ייִדישע ליטעראַטור:

„...לערערס אין ייִדישע שולן ווייסן ניט ווער עס איז שלום־עליכם אָדער קענען אים ניט גענוג גוט..." און „...ווען ניט דער מיוזיקל 'פֿידלער אויפֿן דאַך' וואָלטן ס'רובֿ ייִדן קיין מאָל ניט גע־האַט געהערט פֿון שלום־עליכמען."

אין דעם פֿרישן נומער פֿון דעם זשורנאַל זײַנען פֿאָרגעשטעלט מחברים (קודם־כּל, געלערנטע), וואָס געהערן צו פֿאַרשיידענע דורות: פֿון דעם ברייט־באַקאַנטן ליטעראַטור־קענען דן מירון ביז דער גראַדויִר־סטודענטקע סאַשע האָפֿמאַן. און די גאַמע פֿון אַרומגע־רעדטע טעמעס איז אויך אַ ברייטע און גאָר ניט קיין אויסגעדראָשענע.

זייער אינטערעסאַנט איז דער אַר־טיקל פֿון דעם ישׂראלדיקן פֿאָרשער בער (באָריס) קאָטלערמאַן. ער דער־ציילט וועגן „דער לעצטער ליבע" פֿון דעם ייִדישן קלאַסיקער, דהײַנו: קינאָ. ערבֿ דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שלום־עליכם געפֿירט אונטער־האַנדלונגען וועגן עקראַניזירן זײַנע ווערק. צו קינאָ האָט אים געצויגן סײַ די עקזאָטישקייט פֿון דעם נײַעם קונסט־זשאַנער, סײַ די האָפֿענונג צו פֿאַר־דינען געלט, בפֿרט נאָך אַז ער האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין פּרנסה. דער סוף איז געווען, אַז שלום־עליכם האָט אַרײַנגעלייגט אַ סך מי אין קינע־מאַטאָגראַפֿישע פּראָיעקטן, אָבער קיין רעזולטאַט איז פֿון די אַלע באַמיִונגען ניט אַרויס. פֿילמען, באַזירט אויף זײַנע ווערק, האָט מען אָנגעהויבן פּראָדוצירן שוין נאָך זײַן טויט.

מער פּרטים וועגן דעם זשורנאַל „אויפֿן שוועל" זען: http://www.leagueforyiddish.org/ishi.html.

# פּראָפֿעסאָר וואָלף מאָסקאָוויטש



דעם 7טן אַפּריל איז דער פּראָפֿעסאָר וואָלף מאָסקאָוויטש געוואָרן 75 יאָר אַלט. די ערשטע פֿינף־און־צוואַנציק יאָר פֿון זײַן לעבן זײַנען געווען ענג פֿאַרבונדן מיט בוקאָווינע, קודם־כּל מיט דער שטאָט טשערנאָוויץ, וווּ ער האָט באַקומען זײַן בילדונג. אין יאָר 1958 האָט ער דאָרטן פֿאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט און אין משך פֿון צוויי יאָר געאַרבעט ווי אַ לערער אין אַ בוקאָווינער דאָרף. דערווײַל אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן זײַנע אַרטיקלען אין מאָסקווער אַקאַדעמישע זשורנאַלן, און אין יאָר 1961 הייבט זיך אָן דאָס מאָסקווער זײַטל אין זײַן ביאָגראַפֿיע.

אין משך פֿון צען יאָר, 1961–1971, האָט מאָסקאָוויטש דורכגעמאַכט אַ וועג פֿון אַ גראַדויִר־סטודענט („אַספּיראַנט") בײַם מאָסקווער אינסטיטוט פֿון אויסלענדישע שפּראַכן ביז אַן אָנערקענטן שפּראַך־קענער מיט צוויי פֿאַרטיידיקטע דיסערטאַציעס: אין 1965 – אַ קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע (אַזוי הייסט אין רוסלאַנד דער „ערשטער דאָקטאָראַט"), און אין 1971 – אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע. די פֿאָרשונג, מיט וועלכער ער האָט זיך באַשעפֿטיקט אין יענער צײַט, איז געווען געווידמעט, דער עיקר, פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען פֿון קאָמפּיוטער־לינגוויסטיק.

קיין ישׂראל איז מאָסקאָוויטש אָנגעקומען, ווי אַן עולה, אין אָקטאָבער 1974. אין די יאָרן 1975–1976 האָט ער געאַרבעט אין דעם תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט, זינט 1976 – אין דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וווּ ער איז געוואָרן אַ פּראָפֿעסאָר אין 1979.

הגם זײַנע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן זײַנען תּמיד געווען פֿאַרבונדן, דער עיקר, מיט פֿאָרשונגען אין סלאַוויסטיק, האָט פּראָפֿעסאָר מאָסקאָוויטש אויפֿגעטאָן זייער אַ סך אויך אין הילכות ייִדיש, סײַ ווי אַ געלערנטער און סײַ ווי אַ כּלל־טוער. ניט צופֿעליק איז ער איז 1998 געוואָרן דער פֿאָרזיצער פֿון „וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור". צו יענער צײַט האָבן זיך פֿון דעם „וועלטראַט" שוין אין גאַנצן אויסגעוועפּט די פֿונקציעס פֿון אַ קאַלט־מלחמהדיקער אָרגאַניזאַציע און זי האָט זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשיידענע תּכלותדיקע ענינים.

פּראָפֿעסאָר מאָסקאָוויטש האָט געשפּילט איינע פֿון די צענטראַלע ראָלעס בײַם אָרגאַניזירן אין 2008 אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפֿאָר, וואָס האָט אָפּגעמערקט דעם 100־יאָריקן יובֿל פֿון דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער ייִדיש־קאָנפֿערענץ. אין זײַן אַרויסטרעטונג האָט ער איבערפֿראַזירט די שורות פֿון דעם סאָוועטיש־רוסישן דיכטער וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי: „ייִדיש האָט געלעבט, ייִדיש לעבט, ייִדיש וועט לעבן!"

ניט לאַנג צוריק איז אַרויס דער 22סטער באַנד פֿון **Jews and Slavs**, אַן אַקאַדעמישער אַלמאַנאַך אונטער וואָלף מאָסקאָוויטשעס השגחה. די דאָזיקע זאַמלונג איז געווידמעט די מאַטעריאַלן פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ אין 2008.

# אַ ייִשובֿ וואָס שטעלט סטאַטיסטישע רעקאָרדן

אין דער געגנט פֿון ניו־יאָרק עקזיסטירט שוין אַריבער 30 יאָר אַ מין שטעטל. הייסט עס קרית־יואל – עס טראָגט דעם נאָמען פֿון דעם סאַטמאַרער רבי יואל טייטלבוים, וואָס האָט מיט אַ פּאָר יאָר פֿאַר זײַן פּטירה געפֿונען אַן אָרט פֿאַר אַן ייִשובֿ, וווּ זײַנע חסידים וואָלטן געקענט זיך באַזעצן. ווען דער רבי איז געשטאָרבן אין יאָר 1979, איז זײַן קבֿר געווען דער ערשטער אויפֿן קרית־יואלער בית־עולם.

הײַנט שרײַבט מען אַ סך וועגן קרית־יואל, וווּ עס וווינען אַריבער 20 טויזנט נפֿשות, דער עיקר, ייִדיש־רעדנדיקע. זשורנאַליסטן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער טעמע, ווײַל סטאַטיסטיש וואַרפֿט זיך דאָס דאָזיקע שטעטל אין די אויגן. ערשטנס, איז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ניטאָ קיין אַנדער ייִשובֿ מיט אַזאַ יונגער באַפֿעלקערונג. צווייטנס, זעט עס אויס זייער אָרעם.

וואָס שייך דעם ערשטן אינדעקס, איז דער מצבֿ קלאָר, ווי דער טאָג. די פֿרוכפּערדיקייט פֿון דעם קרית־יואלער עולם רופֿט ניט אַרויס קיין ספֿקות. משפּחות האָבן אַ סך קינדער. אָבער וואָס שייך דער אָרעמקייט, האָט מען יאָ פֿראַגעס – צי דאָס בילד איז ראַיעל, אָדער דער דלות איז אַ כּלומרשטער און האָט צו טאָן מיט אַ קרומען חשבון?

## פֿאַר קליין און גרויס

### ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

# דרײַ ברידער

אַ מאָל האָט געלעבט אין אַ שטעטל אַ ייִד. האָט ער געהאַט דרײַ זין. האָבן די דרײַ זין ניט געקאָנט רעדן ווי אַלע מענטשן. דער עלטערער ברודער האָט נאָר געקענט זאָגן „איך". דער מיטלסטער ברודער – „פֿאַר אַ בינטל שטרוי", און דער קלענסטער, דעם טאַטנס מיזיניק, איז געווען אַ גאַנצער פּלאַפּלער. פֿון אים האָט מען שטענדיק געהערט: „ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט!"

אַזוי זײַנען די דרײַ ברידער גע־וואַקסן און אַז מע וואַקסן, ווערט מען דערוואַקסן. האָט דער טאַטע זיי געגעבן אַ קעלבעלע און געזאָגט:

– הײַנט איז אַ יריד אין שטאָט. נעמט דאָס קעלבעלע און פֿאַרקויפֿט עס, און זײַט מענטשן מיט אַלע גלײַך!

האָבן זיי גענומען דאָס קעלבעלע און זיך געלאָזט גיין. באַגעגנט זיי איינער אַ פּויער. פֿרעגט ער זיי:

– ווער פֿאַרקויפֿט דאָס קעלבעלע?

ענטפֿערט דער עלטערער ברודער:

– איך.

– פֿאַר וויפֿל פֿאַרקויפֿסטו דאָס קעלבעלע?

ענטפֿערט שוין דער מיטלסטער ברודער:

– פֿאַר אַ בינטל שטרוי.

פֿרעגט איבער דער פּויער פֿאַר־חידושט:

– פֿאַר אַ בינטל שטרוי?

און ער גיט זיי באַלד אַ בינטל שטרוי, נעמט צו דאָס קעלבעלע און גייט זיך אַוועק מיט גרויס געלעכטער. שרײַט אים נאָך דער קלענסטער ברודער:

– ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט!

נעמען שוין די ברידער דאָס בינטל שטרוי און גייען ווײַטער. פֿאָרט זיי אַנטקעגן אַ וואָגן. פֿרעגט זיי פֿונעם



וואָגן דער באַלעגאָלע:

– ווער פֿאַרקויפֿט דאָס בינטל שטרוי?

ענטפֿערט דער ערשטער ברודער:

– איך.

– וויפֿל ווילסטו פֿאַר דעם בינטל שטרוי?

ענטפֿערט דער צווייטער ברודער:

– אַ בינטל שטרוי.

חידושט זיך דער באַלעגאָלע:

– אַ בינטל שטרוי פֿאַר אַ בינטל שטרוי?

רופֿט זיך אָן דער דריטער ברודער:

– ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט!

ווערט דער באַלעגאָלע אין כּעס, שמײַסט זיי אויס מיט זײַן בײַטש און נעמט צו דאָס בינטל שטרוי.

גייען די ברידער ווײַטער. דערזעען זיי אין מיטן וועג ליגט אַ פּגירה, אַ הונט. אפֿשר האָט אים טאַקע דער וואָגן מיטן בייזן באַלעגאָלע איבערגעפֿאָרן. טראַכטן זיי: „וואָס טוט מען מיט דער פּגירה? אפֿשר קען מען דערמיט עפּעס האַנדלען?"

שטייען זיי אַזוי און באַטראַכטן דעם טויטן הונט פֿון אַלע זײַטן. דערווײַל קומט אָן אַ פּריץ. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז זײַן באַליבטער הונט. פֿרעגט ער:

– ווער האָט געהרגעט מײַן הונט?

זאָגט דער ערשטער ברודער:

– איך.

– פֿאַר וואָס האָסטו אים געהרגעט?

זאָגט דער צווייטער ברודער:

– פֿאַר אַ בינטל שטרוי.

ווערט דער פּריץ אויסער זיך און שרײַט:

– פֿאַר אַ בינטל שטרוי הרגעט מען אַ הונט?

רופֿט זיך אָן דער דריטער ברודער:

– ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט!

דער פּריץ פֿאַרלירט דאָס לשון. ער כאַפּט אַרויס פֿון זײַן קעשענע אַ זילבערן גלעקל און הייבט מיט דעם אָן קלינגען. באַלד לויפֿן אָן צוויי פּאָליציאַנטן. זיי כאַפּן די ברידער פֿאַרן קאָלנער און פֿאַרנעמען זיי אין תּפֿיסה. דאָרט זיצן די ברידער אָפּ פֿאַרשפּאַרט אַ גאַנצע וואָך ביז מע ברענגט זיי צום ריכטער.

פֿרעגט זיי דער ריכטער:

– ווער האָט געהרגעט דעם פּריצעס הונט?

ענטפֿערט דער עלטערער ברודער:

– איך.

– פֿאַר וואָס?

ענטפֿערט שוין דער צווייטער ברו־דער:

– פֿאַר אַ בינטל שטרוי.

גלייבט ניט דער ריכטער און פֿרעגט ווײַטער:

– פֿאַר אַ בינטל שטרוי הרגעט מען אַזאַ גוטן הונט?

– ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט!

– שרײַט אויס דער דריטער ברודער.

בײַם ריכטער קריכן אַרויס די אויגן פֿון קאָפּ. ער איז שוין פֿופֿציק יאָר אַ ריכטער אין דער שטאָט, זיך אָנגעקוקט און אָנגעהערט, אָבער אַזאַ חוצפּה נאָך ניט געטראָפֿן. רופֿט ער אַרײַן די פּאָליציאַנטן און הייסט זיי שלאָגן די ברידער, ביז זיי וועלן ניט זאָגן דעם אמת.

(סוף אויף זײַט 5)

# דרײַ ברידער

(סוף פֿון זײַט 4)

האָבן זיי אָנגעהויבן פֿונעם עלטערן ברודער, אָבער ער האַלט אין איין שרײַען: „איך! איך! איך!“ נעמען זיי זיך שלאָגן דעם מיטלסטן ברודער, שרײַט ער זײַנס: „פֿאַר אַ בינטל שטרוי! פֿאַר אַ בינטל שטרוי! פֿאַר אַ בינטל שטרוי!“ לאָזן זיי שוין אויס זייער גאַנצע רציחה צום קלענסטן ברודער, גוואַלדעוועט יענער, ווי זײַן שטייגער איז: „ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט! ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט! ווילסט ניט גלייבן, ווער צעזעצט!“

דערזען אַזאַ זאַך, האָט דער ריכטער אויסגעשריִען העכער פֿון זיי אַלעמען זײַן פּסק:

– זיי זײַנען משוגעים! לאָזט זיי פֿרײַ!

קוים זיך דערשלעפּט אַהיים, האָבן די אָנגעשראָקענע ברידער זיך באַהאַלטן אויפֿן בוידעם. מער האָט מען זיי אין שטאָט ניט געזען. די ייִדן אין שטעטל דערציילן, אַז צומאָל הערן זיך פֿונעם בוידעם די באַקאַנטע רייד: „איך... פֿאַר אַ בינטל שטרוי... ווילסט ניט, ווער צע־זעצט!“ – אַ סימן, אַז די דרײַ ברידער האָבן גוט פֿאַרגעדענקט יענעם יריד.

**באַאַרבעט פֿון באָריס סאַנדלער**

## פֿרילינג

*ה. רויזנבלאַט*

פֿרילינג, פֿרילינג,
בלוי און גרין,
צווישן בלומען
שפּילט אַ בין.

פֿרילינג, פֿרילינג,
גרין און בלוי,
און די בלומען
פֿול מיט טוי.



## די קאַטשקע

*ש. צעסלער*



וואָס איז די מעשׂה?
וואָס טומלט עס זיך?
די קאַטשקע גייט באָרוועס
און האָט ניט קיין שיך.

דער שוסטער – ער האָט ניט
קיין לעדער געוויס,
דערפֿאַר גייט די קאַטשקע
מיט באָרוועסע פֿיס.

## ערשטע טריט

*נחום יוד*

איינס, אָט שטייט ער,
צוויי, אָט גייט ער,
דרײַ, אָט נעמט ער לויפֿן שנעל,
שנעל געלאָפֿן,
ניט געטראָפֿן,
האָפּ, געפֿאַלן לעבן שוועל.



## שוסטער

*ב. סמאָליאַר*

שוסטער, שוסטער – גיך, גיך, גיך,
נאַדיר מײַנע אַלטע שיך,
ווען איך צייל אָפּ: איינס, צוויי, דרײַ,
זאָלסטו מיר זיי מאַכן נײַ.

## אויף דער וויג־ברעט

*י. גויכבערג*

אַראָפּ־אַרויף, אַראָפּ־אַרויף,
אָן אַן עק און אָן אַ סוף,
פֿון פֿרימאָרגן ביז צו שפּעט
וויג זיך, וויג זיך אויף דער ברעט.



## שפּיל מיר אויפֿן פֿידל

*מ. מאַגילעוויטש*

שפּיל מיר, שפּיל מיר אויפֿן פֿידל
וועל איך זינגען דיר אַ לידל.
וועל איך זינגען דיר פֿון דאָס,
כ׳ווייס אַליין גאָר ניט פֿון וואָס...

כ׳וועל דיר זינגען, כ׳וועל דיר זינגען,
ס׳וועלן טיר און פֿענצטער קלינגען,
ס׳וועלן ציטערן די ווענט.
נעם דעם פֿידל אין די הענט.

דיר איז גוט, דו האָסט אַ פֿידל,
ווו זשע נעמען נאָך אַ לידל?

## תּמיד

*נחום ווײַסמאַן*

תּמיד זאָלסטו פֿאָלגן
טאַטע־מאַמעס וואָרט,
אַלע דײַנע זאַכן
לייגן אויפֿן אָרט.

זײַן אַ גוטער תּלמיד,
לערנען גוט און פֿײַן,
און אַ גוטער חבֿר
צו די קינדער זײַן.

# מרים די משוגענע



*עמיל קאַלין (ישׂראל)*

יענעם טאָג האָבן מיר, איך און שבֿע, געגעבן אַ שבֿועה. איך האָב געבראַכט אַ מעסערל און יעדער האָט זיך געמאַכט אַ קלײנטשיקן שניט אונטער דעם געלענק. מיר האָבן צוגעדריקט די אָרעמס אַזוי, אַז אונדזער בלוט האָט זיך אויסגעמישט. אויף אַזאַ אופֿן זײַנען מיר געוואָרן חבֿרים.

איבער אַ יאָר, אינעם דריטן קלאַס, וועלן מיר מירצעשעם חתונה האָבן. איך האָב פֿאָרגעשלאָגן באַגלייטן זי אַהיים. שבֿע האָט געצויגן מיט די אַקסלען – „גוט".

אויפֿן וועג אַהיים איז מרים די משוגענע אויסגעוואַקסן ממש פֿאַר אונדזערע אויגן. למעשׂה, האָב איך קיינמאָל ניט געהערט עמעצן רעדן מיט איר אָדער רופֿן זי בײַם נאָמען. די קינדער אין די אַרומיקע גאַסן האָבן זי גערופֿן צווישן זיך – מרים די משוגענע.

זי האָט אויסגעזען זייער אַלט, לויט די באַגריפֿן פֿון אַ נײַן־יאָריק ייִנגל. אָנגעטאָן תּמיד אין דעם זעלבן קליידל מיט לאַנגע אַרבל. אין די זומערדיקע טעג האָט עס אויסגעזען גרין, און אין די פֿאַרכמאַרעטע טעג – גרוי. די שיך האָט זי פֿאָרזיכטיק געשאַרט איבערן טראָטואַר. אירע הענט זײַנען געווען פֿאַרלייגט אויפֿן בויך, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרומכאַפּן זיך אַליין און ערגעץ באַהאַלטן.

אויף איר רויטלעך און צעקנייטשט פּנים האָט זיך אויסגעצויגן אַ טרוקענער, פֿאַרגליווערטער שמייכל. די אויגן – גרויסע, בלויע און טויטע, ווי בײַ אַן אָנגעשראָקענער חיה.

זי פֿלעגט מורמלען צו יעדן איינעם וואָס האָט זיך באַוויזן אויף איר וועג בלויז צוויי זאַכן: אָדער „אַ גוט מאָרגן", אָדער „אַ גוט יום־טובֿ". ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב פֿאַר איר מורא געהאַט – אימת־מוות. איך פֿלעג זי אויסמײַדן ווי ווײַט מעגלעך, אָפּטלעך אַריבערלויפֿן אויף דער צווייטער זײַט גאַס, אָדער אין גאַנצן פֿאַרקערעווען דעם דישל.

אין יענעם טאָג האָט ניט געקענט קיין רייד גיין וועגן זיך אָפּטראָגן; מײַן חבֿרטע איז דאָך געווען נעבן מיר.

מרים די משוגענע האָט געשמייכלט איר שטענדיקן שמייכל און געווינטשט אונדז: „אַ גוט יום־טובֿ", כאָטש קיין שום יום־טובֿ איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווען. ווען זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָבן אירע נאַקעטע יאַסלעס אַרויסגעקוקט פֿון צווישן די דינע ליפּן.

און פּלוצעם האָט מיר ווי עמעצער אַרײַנגעשריִען אין ביידע אויערן: אַנו, ווײַז אַרויס דײַן גבֿורה!

– מרים די משוגענע, גיי אין דר'ערד אַרײַן! – האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון מײַן מויל.

שבֿע האָט מיר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, און באַלד איבערגעפֿירט דעם בליק צו מרים. כ'האָב איר נאָכגעקוקט און זיך אָנגעשפּאַרט אינעם פֿאַרקאַטשעטן אַרבל אויף איר לינקער האַנט. אַ בלויער נומער האָט זיך אָנגעזען אויף דער בלאַסער הויט.

מיר האָבן שוין דעמאָלט געוווּסט, וואָס דאָס מיינט.

